# גיט איהם פינפערלעך!

(אַ סצענע אין אַ איסט־סייד באַנק־געשעפט)

אויסגעפוצט אין די שעהנסטע מלבושים, מיט ביידע הענד אויף דער רעכטער קעשענע, איז מיסטער באַלאַמוט, דער קאָסטאָמער־שניידער, אַוועק דעפּאַזיטען זיינע ערשטע 65 דאָלאַר.

— וואו איז דער פּרעזידענט? — האָט ער מיט אַ וואַזשנעם טאָן אַ פרעג געטהאָן ביים ספּעשעל פּאָליסמאַן וואָס איז געשטאַנען ביים טהיר — איך וויל דעפּאַזיטען מיינע געלדער.

דער ספּעשעל פּאָליסמאַן האָט איהם מיט גרויס כבוד ארויפגעפיהרט אויפ'ן ערשטען פלאָר צום פּרעזידענט.

— דיעזער דזשענטעלמען וויל דעפּאַזיטען זיינע געלדער אין אונזער באַנק — האָט דער ספּעשעל פּאָליסמאַן פאָרגעשטעלט באַלאַמוט'ען פאַר'ן פּרעזידענט פון דער באַנק.

— עס פרעהט מיר זעהר אייך צו קענען — האָט איהם דער פּרעזידענט בעגריסט און האָט געפרעגט: — אַלזאָ, וויפיעל?

— 65! — האָט באַלאַמוט געענטפערט שטאָלץ.

— 65 טויזענד? — האָט דער פּרעזידענט איבערגעפרעגט.

— וואָסערע טויזענד! — האָט באַלאַמוט אויסגעשטעלט אַ פאָר אויגען — ביי די לויזיגע שניידעריי האָט איהר געוואָלט איך זאָל מאַכען טויזענדער? מען מאַכט היינט מיט די זייטען, מיסטער!

— טו וויפיעל? — האָט שוין דער פּרעזידענט געפרעגט אונגעדולדיג.

— 65 קאַרבאַטשעס, ווי די רעדער.

— דזשים! — האָט דער פּרעזידענט אַ רוף געטהאָן אַ אָפּיס באָי — פיהר אַרונטער דעם דזשענטעלמען אונטען. ער וויל מאַכען אַ דעפּאַזיט.

דזשים האָט אָנגענומען דעם קאָסטאָמער־שניידער פאַר אַן ארבעל און איהם איבערגעגעבען צוריק צום ספּעשעל פּאָליסמאַן.





— מיסטער מענעדזשער, דער דזשענטעלמען וויל דעפּאַזיטען זיינע געלדער! — האָט דער „ספּעשעל" איבערגעגעבען די ידיעה ווייטער.

דער מענעדזשער, אַ יונגער מענש, מיט גלאַנציג־שוואַרצע האָר און וואָנצעס, האָט זיך באַלד בעוויזען.

— וואו איז דער דזשענטעלמען וואָס וויל דעפּאַזיטען זיינע געלדער? — האָט ער געפרעגט ארויסקומענדיג פון אונטער די גראַטקעס, מיט אַ בלייפעדער אונטער'ן אויער.

— אָט בין איך! — האָט באַלאַמוט אויפגעהויבען די האַנד.

— וויפיעל?

— פינף און זעכציג.

— הונדערט?

— וואָסערע הונדערט? ביי די לויזיגע שניידעריי קען מען מאַכען מיט די זייטען, ניט קיין הונדערטער.

— טו וויפיעל?

— פינף און זעכציג קאַרבאַטשעס, ווי די רעדער!

— סיי, מיסטער רודערמאַן! — האָט דער מענעדזשער אַ רוף געטהאָן דעם קלוירק — דער מאַן וויל דעפּאַזיטען זיינע געלדער. און צו באַלאַמוט'ען האָט ער געזאָגט: — געהט, זייט מוחל, צו צו יענעם פענסטערל, וועט מען ביי אייך צונעהמען דאָס געלד.

— וויפיעל? — האָט געפרעגט דער קלוירק.

— פינף און זעכציג קאַרבאַטשעס, ווי די רעדער!... ביי די לויזיגע שניידעריי קען מען מאַכען מיט די זייטען, ניט קיין טויזענדער! — האָט ער אָבגעזאָגט אַלץ מיט אַמאָל.

דער קלוירק האָט מיט אַ שמייכעל ארויסגענומען אַ קאַרטעטשקע, אויפגעצייכענט אַלע נויטיגע זאַכען און געבעטען באַלאַמוט'ען אונטערצושרייבען.

— ניט געטראָפען דעם קאָסטאָמער! — האָט באַלאַמוט געזאָגט, צוריקווייזענדיג דאָס קאַרטעל — מיר פערשטעהען די טריקס...

— וואָס'ערע טריקס?

— אָט די טריקס מיט דעם אונטערשרייבען.

— אָבער איהר מוזט אונטערשרייבען. ס'איז אַזאַ רול ביי אונז !

— נעווער מיין רולס ! מיר האָבען שוין געזעהן גרעסערע רולס!

— אָבער, מיסטער, מיר האָבען ניט קיין צייט זיך צו באַדערען. איהר ווילט אונטערשרייבען, צי ניין ?

— איך'ל אונטערשרייבען, אָבער נור מיט אַ י י ן האַנד !

— אָל־רייט !

— ווי אַזוי ספּעלט איהר מיין נאָמען ?

— פון וואַנען זאָל איך וויסען ווי אַזוי איהר ספּעלט אייער נאָמען ?

— אויב אַזוי — מאַכט באַלאַמוט, — זייט איהר דאָך טאַקע אַ שווינדלער !

— מיסטער, „בעהייווט“ זיך אַביסעל !

— נעווער מיין בעהייוועז ! מיר האָבען שוין געזעהן גרעסערע קנאַקערס !

— מיסטער, איהר ווילט דעפּאַזיטען דאָס געלד, צי ניין ?

— אָט וועל איך זיך טאַקע כאַפּען און אייך „אָנגעטראָוען“ מיינע געלדער !

— טו געטרויט נ י ט ! ווער הייסט אייך ?

— נעווער מיין, ווער הייסט אייך ! פאַר מיינע געלדער בין איך גלייך מיט „עניבאָדי“ !

— טו דעפּאַזיט !

— וויפיעל ?

— וויפיעל איהר ווילט !

— 60 וועט זיין גענוג ?

— אפילו 40 !

— אפשר 30 ?

— לאָז זיין 20 !

— 10 וועט איהר ניט נעהמען ?

— גיט אהער 10 !

— נאַט אייך 5 !

— לאָז זיין 5 !





— איהר ווילט טאַקע, ע ? קוק עם אָן ! — איז באַלאַמוט ארויס פון די כלים — גיב איהם געלד, דעם ראָצער ! פאַר וואָס קומט דיר געלד, פאַר וואָס ?

— מיסטער, געהט ארויס פון דאַנען און בעליידיגט ניט קיין מענשען !

— שאַרראַפּ ! רעד נאָך אַ וואָרט, קריגסטו אַ פּלעם איבער'ן פּרעסער !...

און ביי די דאָזיגע ווערטער איז ער ארויס, בורטשענדיג :

— האָסטו געזעהן אַזוינס ! — גיב איהם פינפערלעך — גיב איהם !...